**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/30/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 125 גרענטס צו צושטעלן אויפהאלטונג געלטער פאר ביז אזויפיל ווי 5,000 שטיצנדע האוזינג יוניטס אריבער די סטעיט**

***גרענטס שטיצן גאווערנער האקול'ס היסטארישע 25 ביליאן דאלארדיגע, פינף-יאריגע פלאן צו אויפבויען אדער אויפהאלטן 10,000 יוניטס פון שטיצנדע האוזינג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נאך 125 גרענטס וואס ווערן געגעבן אויף א תנאי פאר יערליכע פינאנצירונג פאר סערוויסעס און אויפהאלטונג קאסטן פאר ביז אזויפיל ווי 5,000 יוניטס פון שטיצנדע האוזינג פאר עלטערע מענטשן, איבערלעבער פון משפחה אדער דזשענדער-באזירטע אביוז, וועטעראנען און כראניש-היימלאזע פאמיליעס, און אזוי אויך מענטשן מיט א גייסטישע געזונטהייט פראבלעם אדער דראג באנוץ קראנקהייט, צווישן אנדערע. די [125 באדינגטע גרענטס](#) אין די זיבעטע רונדע פון די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו ( Empire State Supportive Housing Initiative, ESSHI) וועט שטיצן האוזינג אין 35 קאונטיס און ערלויבן די וועלכע באקומען די גרענטס צו פארזיכערן באזונדערע אינפראסטרוקטור פינאנצירונג צו פינאנצירן האוזינג פראיעקטן.

"עס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער צו האבן א זיכערע פלאץ צו רופן היים וואס זיי קענען זיך ערלויבן, באזונדערס פאר די שוואכסטע צווישן אונז", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו זעצט פאר צו זיין א הויפט באשטאנדטייל פון אונזערע באמיאונגען צו אדרעסירן די זאכן וואס ליגן אונטער האוזינג אומסטאביליטעט און גיבן פאר די וועלכע גייען אריבער היימלאזיגקייט די סערוויסעס אויף וועלכע זיי קענען זיך אנלאנען צו וואוינען זיכערערהייט אויף א זעלבסטשטענדיגן אופן."

די באדינגטע גרענטס פאר סערוויסעס און אויפהאלטונג קאסטן זענען אויף א תנאי אז דער פראיעקט וואס באקומט עס זאל פארזיכערן די מיטלען וואס נויטיגן זיך צו קענען אויפבויען פונדאסניי, איבערמאכן פראפערטיס וואס זענען נישט גענוצט געווארן פאר וואוינונגען בעפאר אדער רענאווירן אומרעגולירטע וואוינונג פראפערטיס צו בויען דארט הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן מיט אריינגעבויטע שטיצנדע סערוויסעס. די ערשטע פראיעקטן צו נאכקומען די אינוועסטירונג תנאים צו באקומען א גרענט זענען ערווארטעט צו ברענגען אזויפיל ווי 1,400 נייע שטיצנדע האוזינג יוניטס נאך דעם יאר, אויפטרייבנדיג אזויפיל ווי 30 מיליאן דאלאר אין אויפהאלטונג גרענטס.

די באדינגטע גרענטס וועלן גענוצט ווערן צו צושטעלן הילף מיט רענט און סערוויסעס פאר געוויסע בארעכטיגטע באפעלקערונגען צו פארזיכערן זייער האוזינג סטאביליטעט. זינט עס איז געעפנט געווארן האט די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו שוין צוגעשטעלט אויפהאלטונג געלטער פאר מער פון 7,400 יוניטס וואס שטעלן צו סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען.

די אינציאַטיוו שטעלט צו אויפהאַלטונג קאָסטן פאַר פּראָווײַדערס פון שטיצנדע האָוזינג וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאַר היימלאָזע וועטעראַנען און זייערע פאַמיליעס; איבערלעבער פון משפחה אָדער דזשענדער-באַזירטע אַביוז; עלטערע מענטשן; יונגע ערוואַקסענע וואָס זענען געווען אַרעסטירט, היימלאָז אָדער אַדאָפּטירט בעפאַר; כראָניש-היימלאָזע מענטשן און פאַמיליעס; מענטשן מיט אינטעלעקטואַלע אָדער אַנטוויקלונג דיסאַביליטיס; מענטשן וועלכע גלידערן זיך צוריק איין אין זייערע קאָמיוניטיס צוריק פון טורמע; און מענטשן וועלכע לעבן מיט HIV, AIDS, ערנסטע גייסטישע פּראָבלעמען און/אָדער דראַג באַנוץ קראַנקהייטן. די סטעיט אָפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) דינט אַלץ די הויפּט אַגענטור פאַר די פינאַנצירונג גרענטס וואָס ווערן פאַרטיילט דורך אַ גרופּע וואָס איז צוזאַמגעשטעלט פון אַכט סטעיט אַגענטורן וואָס שטעלן צו סערוויסעס פאַר שוואַכערע ניו יאָרקער.

פינאַנצירונג פאַרטיילט דורך דער איניציאַטיוו קען געניצט ווערן צוצושטעלן רענט הילף און סערוויסעס צו באַרעכטיגטע געצילטע טיילן פון באַפעלקערונג אויף צו פאַרזיכערן זייער האָוזינג סטאַביליטעט. ערלויבטע באַנוצן פאַר די געלטער רעכענען אַריין רענט סאָבסידיס און אַנדערע וואוינונג קאָסטן; סערוויסעס אָדער איינגעשטעלטע צו אידענטיפיצירן און טרעפן באַרעכטיגטע מענטשן וועלכע נויטיגן זיך אין האָוזינג; פאַמיליע מעדיצין און אויפפירונג געזונטהייט סערוויסעס; באַשעפטיגונג און דזשאַב סקילס טרענירונג; הילף מיט עדזשוקעישען; חינוך סקילס אַנטוויקלונג און שטיצע; טשיילד קעיר הילף קאָונסעלינג און קריזיס אינטערווענץ; קינדער סערוויסעס, אַריינרעכענענדיג שתדלנות, שטיצע און קאָונסעלינג פאַר זייער חינוך; און קאָסטן וואָס קומען פון סערוויסעס צו העלפן מענטשן און פאַמיליעס בלייבן אין אַ סטאַבילע היים.

פאָרשונג האָט געוויזן אַז קביעות׳דיגע שטיצנדע האָוזינג רעדוצירט די פאַרלאַנג פאַר שיץ-ערטער, שפּיטאָל בעטן, עמערדזשענסי רומס, טורמעס און תפיסות, אין צוגאַב צו האָבן אַ פּאָזיטיווע השפּעה אויף באַשעפטיגונג, שולע אַנטיילנעמונג, און גייסטישע און פיזישע וואוילזיין. שטיצנדע האָוזינג פּראָיעקטן קענען אויך פּאָזיטיוו משפּיע זיין אויף געגנטער דורך נייע קאָנסטרוקציע אָדער דורך רעהאַביליטירן עקזיסטירנדע געביידעס.

פּראָיעקטן קענען באַקומען ביז אַזויפיל ווי $25,000 פּער יוניט יערליך פאַר סערוויס און אויפהאַלטונג געלטער וואָס זענען נויטיג צו אויפהאַלטן פּערמאַנענטע שטיצנדע האָוזינג יוניטס. די פּראָיעקטן וועלכע באַקומען פון די גרענטס זענען ערוואַרטעט צו פאַרזיכערן פאַר זיך נאָך פינאַנצירונג פון אַנדערע מקורות צו אויסצאָלן די דעוועלאָפּמענט און קאָנסטרוקציע פון די האָוזינג.

די עמפּייער סטעיט שטיצנדע האָוזינג אינציאַטיוו איז אַ וויכטיגע באַשטאַנדטייל פון גאָווערנער האָקול'ס אַמביציעזע פּלאַן פאַר די גאַנצע סטעיט צו מאַכן האָוזינג גרינגער זיך צו ערלויבן, מער יושר'דיג און מער סטאַביל. אין די היי-יאָריגע סטעיט בודזשעט האָט גאָווערנער האָקול אַריינגעלייגט אַ נייע 25 ביליאָן דאָלאַרדיגע, פינף-יאָריגע, ברייטע האָוזינג פּלאַן וואָס וועט פאַרמערן די האָוזינג סופּליי דורכן בויען אָדער אויפהאַלטן 100,000 היימער פאַר צוגענגליכע פּרייזן אַריבער גאַנץ ניו יאָרק, אַריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאַר שוואַכערע באַפעלקערונגען.

**אָפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאָמישאַנער, דר. ען סאָליוואַן, האָט געזאָגט,** "גאָווערנער האָקול'ס איבערגעגעבנקייט צו אויפפירונג געזונטהייט העלטקעיר און צו שטיצנדע האָוזינג האָט ערלויבט טויזנטע מענטשן און פאַמיליעס צו באַקומען די סערוויסעס וואָס זיי דאַרפן בשעת'ן וואוינען אין זייערע אייגענע היימער. זיכערע און בכבוד'יגע הייזער וועלן גיבן פאַר מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע קראַנקהייטן און אַנדערע אויפפירונג געזונטהייט פּראָבלעמען די סטאַביליטעט און שטיצע וואָס זיי דאַרפן פאַר אַ פולקאָמע ערהוילונג."

**אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports, OASAS) קאמישאנער, טשינאַזאָו קאנינגעהעם, האט געזאגט,** "די ESSHI גרענטס זעצן פאר אונז צו ערלויבן צו אנקומען צו נאך אפילו מער נויטבאדערפטיגע ניו יארקער אריבער די סטעיט. מיר ווייסן אז האוזינג איז קריטיש צו פארבעסערן א מענטשן'ס אלגעמיינע געזונטהייט צושטאנד און וואוילזיין. גאווערנער האקול'ס אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן צוטריט צו שטיצנדע האוזינג איז קריטיש צו די באמיאונגען פון די OASAS צו צושטעלן די פולע רייע פון פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג סערוויסעס. דורך א פולע ספעקטרום פון קעיר און פראגראמען, טרעפן מיר מענטשן דארט וואו זיי געפונען זיך און מיר העלפן זיי צו עררייכן זייערע פערזענליכע געזונטהייט און ערהוילונג ציהלן."

**אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס (Office for People with Developmental Disabilities) קאמישאנער, קערי נייפעלד, האט געזאגט,** "האבן א פלאץ צו רופן היים אין די קאמיוניטי קען מאכן א ריזיגע חילוק פאר איינער וואס האט אן אנטוויקלונג דיסאביליטי, ערלויבנדיג זיי צו זיין מער זעלבסטשטענדיג און א חלק פון זייער קאמיוניטי בשעת'ן באקומען די נויטיגע שטיצע. א דאנק פאר גאווערנער האקול און די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו פאר די וואוינונג געלעגנהייטן וועלכע ווען ארומדרייען לעבנס צום גוטן און בארייכערן אונזערע קאמיוניטיס."

**היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די 30 מיליאן דאלאר אין ESSHI גרענטס איז א ביישפיל פון גאווערנער האקול'ס פעלזן פעסטע איבערגעגעבנקייט צו פארגרעסערן די צאל הייזער און צושטעלן אריינגעמיגע האוזינג געלעגנהייטן וואס ערלויבן היימלאזע און שוואכערע ניו יארקער צו וואוינען זיכערערהייט און זעלבסטשטענדיגערהייט. די לעצטע רונדע פון גרענטס וועלן בויען ביז אזויפיל ווי 1,400 שטיצנדע היימער מיט לעבנ'ס-טוישנדע סערוויסעס וועלכע אפפערן א געלעגנהייט צו באקומען א ליכטיגערע און מער סטאבילע צוקונפט פאר מענטשן אין אלע ווינקלען פון די סטעיט."

**אפיס פאר די פארמיידונג פון אביוז אינדערהיים (Office for the Prevention of Domestic Violence) עקזעקיוטיוו דירעקטארין, קעלי אָוועס, האט געזאגט,** "אן צוטריט צו זיכערע הייזער פאר צוגענגליכע פרייזן, דארפן קורבנות פון אביוּז אפט אויסוועהלן צווישן זיין היימלאז אדער בלייבן לעבן אונטער אביוּז. די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו אדרעסירט די קריטישע נויט און שאפט די געלעגנהייט פאר מער קורבנות צו קענען אריבערגיין צו א לעבן פון פרייהייט. עס איז מיר א כבוד צו סערווירן א גאווערנער וואס פארשטייט די שניידפונקט צווישן האָוזינג סטאביליטעט און דזשענדער-באזירטע געוואלדפארברעכנס און שטיצט קרבנות-צענטרירטע איניציאטיוון וועלכע שטעלן זיכערהייט צום ערשט."

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services) צייטווייליגע קאמישאנער, סוּזען מיילס-גוּסטאַוו, האט געזאגט,** "איך וויל אויסלויבן גאווערנער האקול פאר איר אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו די סטעיט'ס שוואכסטע קינדער, פאמיליעס און קאמיוניטיס. זיכערע און שטיצנדע האוזינג גיבט די סטאביליטעט וואס פעהלט זיך אויס פאר ניו יארקער אין יעדן עלטער צו פארבינדן ווערן מיט קריטישע קאמיוניטי סערוויסעס, נאכפאלגן נייע עדזשוקעישען און באשעפטיגונג געלעגנהייטן און לעבן מיט א שטערקערע געפיל פון זעלבסטשטענדיגקייט. די פובליק-פריוואטע שותפות איז קריטיש צו העלפן פאמיליעס און קאמיוניטיס וועלכע מוטשענען זיך מיט אייגנארטיגע שוועריגקייטן צו בליהען אין וועגן וואס וואלטן געווען פשוט אוממעגליך אן די לעבנ'ס-טוישנדע שטיצע."

**סטעיט העלט קאמישאנער דר. מערי ט. באסעט האט געזאגט,** "צוטריט צו א געזונטע אטמאספערע וואו צו וואוינען קען דראמאטיש טוישן א מענטשן'ס געזונטהייט צושטאנד. איך אפלאדיר גאווערנער

האקול פאר די סטיעט'ס אנגייענדע שטיצע פאר די עמפייער סטעיט שטיצנדע האוזינג אינציאטיוו און די נייע 30 מיליאן דאלארדיגע יערליכע אינוועסטירונג וואס וועט אוועקשטעלן 1,400 יוניטס פון שטיצנדע האוזינג און סערוויסעס אריבער 35 קאונטיס. די געלטער וועלן דירעקט זיכער מאכן אז מער ניו יארקער וועלכע זענען היימלאז, באקעמפן דראג באנוץ אדער פארמעסטן זיך מיט אנדערע פיזישע אדער גייסטישע געזונטהייט שוועריגקייטן האבן די סטאבילע האוזינג און שטיצע פון א הויכע קוואליטעט וואס קומט זיך זיי."

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף ( Office of Temporary and Disability Assistance) קאמישאנער, דאַניעל וו. טיעטץ, האט געזאגט,** "די געלטער וועלן מאכן א געוואלדיגע חילוק ביים העלפן פאמיליעס און איינצלנע מענטשן וועלכע זענען געווען היימלאז אין די פארגאנגענהייט צוריק צו אויפבויען זייערע לעבנס און צו אדרעסירן די פראבלעמען וועלכע האבן מעגליך בייגעשטייערט זיי צו פירן צו ווערן היימלאז. גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצנדע האוזינג פארזיכערט אז טייל פון אונזערע שוואכסטע ניו יארקע שכנים זאלן האבן א זיכערע פלאץ וואס זיי קענען זיך ערלויבן צו וואוינען, און עס העלפט ארומדרייען לעבנס צום גוטן."

**אסעמבלי מיטגלידערין עילין גאָנטער האט געזאגט,** "איך בין פרייליך צו זעהן אז ניו יארק סטעיט אינוועסטירט אין אזא קריטישע הילפס-מיטל ניו יארק'ס שוואכסטע איינוואוינער. האוזינג איז א מענטשליכע רעכט, און די געלטער וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן וועלן העלפן די וועלכע מוטשענען זיך צו טרעפן א פלאץ וואו צו וואוינען, צו באקומען סערוויסעס פאר ספעציעלע געברויכן און צו אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען ארום די גאנצע סטעיט. מיר דארפן פארזעצן מיט אונזער איבערגעגעבנקייט צו העלפן די וועלכע דארפן עס די מערסטע און זיכער מאכן אז שטיצנדע האוזינג איז צוגענגליך און דא צו באקומען איבעראל אין ניו יארק."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418